ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# חמדת ישראל
# סדר במדבר

אידיש

**443**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# חמדת ישראל
## על התורה
## סדר במדבר

כולל כל תרי"ג מצות ופרטיהן עם הרבה טעמי המצות
מספר החינוך, וסיפורים נאים מגמרא ומדרשים השייכים
להמצות, ונלוה אליו מאמר מספר מנורת המאור
מאת אליהו דוב בהרב הגאון מו"ר ישראל דוד ז"ל מווילקאמיר
דער ספר ענטהאלט, אלע תרי"ג מצות
אויף וועלעכע מאנסלייט און פרויענצימער זענען
פערזארגט, מיט נייטיגע דינים, און פיעל טעמים פון מצות,
מיט סיפורים פון גמרא און מדרשים.
אויך אין קורצען די אידישע היסטאריע מיט ריכטיגע ראיות
אויף די הייליגקייט פון דער אמונה, וועלעכע קאן ווירקען
אויף דעם אידישען גייסט און פערשטאנד, צו ליב האבען
דעם דת, דאס פאלק און זיין לאנד

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# ספר במדבר

**אין דער סדרה במדבר איז ניטא קיין מצות פון די תרי"ג מצות.**

## נשא

### שסי) וִישַׁלְּחוּ מִן הַמַּחֲנֶה כָּל צָרוּעַ וְכָל זָב וְכֹל טָמֵא לָנָפֶשׁ.

**די מצוה עשה איז, אוועק צו שיקען פון די מחנה'ס אלע טמאים.**

### שסד) וְלֹא יְטַמְּאוּ אֶת מַחֲנֵיהֶם. (ה—ג)

די מצות לא תעשה איז, קיין טמא טאר ניט קומען אין בית המקדש ווען יודין זיינען געגאנגען אין דער מדבר האבען זיי געהאט דריי מחנה'ס א) איינע האט געהייסען „מחנה ישראל" דאס איז געווען דיא פיער דגלים 1) ב) די מחנה לויה וואו די לוים זיינען געשטאנען ארום משכן, ג) די מחנה שכינה דאס איז פון דעם הויף וואס ארום אהל מועד אונ אינעווייניג.

די זעלבע היילינקייט איז געווען אין ירושלים צו טהיילט אויף דריי ערטער א) פון אריין גאנג אין ירושלים ביז דעם הר הבית 2) איז דאס געוען מחנה ישראל אין דער מדבר, ב) פון טיר הר הבית ביז דער טיר פון דער עזרת איז דאס געוען דעם ארט פון די לוים. ג) אונ פון טיר פון דער עזרה אונ אינעווייניג הייסט מחנה שכינה.

א מצורע טאר ניט קומען אין אלע דריי מחנה'ס, דאס הייסט ער טאר ניט זיין אין גאנץ ירושלים, זבים נדות יולדות טארין ניט קומען אויף דעם הר הבית אין בית המקדש, איין טמא דורך א מת אונ א בועל נדה אונ נאך אנדערע זיינען אוועק געשיקט געווארין פון דער עזרה, אונ אינעווייניג. אויב מען גייט אריין אין בית המקדש ווען מען איז טמא וועט מען מיט כרת געשטראפט.

יעצטיגע צייט טאר מען ניט קומען אויף דעם ארט וואו דער בית המקדש איז געשטאנען, אויב מען גייט יא ארויף איז מען חייב כרת, ווייל מיר רעכענען זיך היינט אלע פאר טמאים, ביז מען וועט אויף אונז שפריצין די וואסער פון פרה אדומה ווי פארצייטען, מיר זאלען דאס זוכה זיין בקרוב.

די

1) דאס איז וואס איז מפורש אין דער תורה יעדערע דריי שבטים זיינען געשטאנען אין איין זייט דאס האט זיך גערופין א דגל, ווייל זיי האבען געהאט איין פאהן דאס איז ג. ווען ווייער זערב. 2) ווער פלאין פון בית המקדש.

## שסה) והתודו את חטאתם. (שם—ו)

די מצות עשה איז, מתודה זיין זיך און טאהן תשובה.

תשובה הייסט חרטה האבען אויף די עבירה וואס מען האט געטאהן און בעשליסען זיך אויף ווייטער דאס מעהרער ניט צו טאהן, אויך דארף מען זיך מתודה זיין דאס הייסט אויס ריידען מיטין מויל פאר גאט זיינע זינד 1), זאגען פון גרונדהארצען איך האב זיך בעלייגקט און שעהם מיך פאר מיינע מעשים, און וועל שוין קיין מאהל דאס ניט טאהן.

דער עיקר תשובה איז חרטה האבען מיט אן אמת אויף דיא פערגאנגענע צייט, און נעמען אויף זיך א ריכטיגען אמת אויף דיא קינפטיגע צייט ביז אז דער בורא זאגט עדות אז עס איז אמת.

וואס מען איז זיך מעהר מתודה איז מען מעהר געלויבט פאר השי"ת עס העלפט ניט קיין קרבנות און יום כפור סיידין מיט תשובה.

ווען מען האט אויף זיך עבירות וועלכע מען האט געטאהן דעם צווייטען א עולה, אויב די עולה איז אין געלד זאכען דארף מען אפ געבין אדער דורך מאכען מיט איהם ברצון הטוב דאן קאן העלפין תשובה.

יעצטיגע צייט האבען מיר נור ניט מעהר ווי תשובה.

תשובה איז מכפר אויף אלע עבירות, ווען אויך א מענש איז א רשע כל ימיו און טוהט תשובה מיט א אמת דער מאנט מען איהם אויף יענע וועלט זיין זינד גאר ניט.

עס איז כדאי דעם נוסח פון ווידוי צו זאגען אויף דייטש אויך.

אז מען איז זיך מתודה און מען מיינט ניט דעם אמת תשובה צו טאהן איז דאס גלייך ווען מען איז זיך טובל און מען האלט א שרץ אין האנד.

יעדער מענש פאר דעם לייגין זיך שלאפען דארף ער תשובה טאהן ווי עס איז דא ערקלערט.

די וועג פון תשובה איז, דער מענש זאל אימטער וויינען און שרייען פאר זיך בעטין ביי גאט ער זאל איהם מוחל זיין, און געבין צדקה נאך זיין כח נאך, און דער ווייטערין זיך פון דעם חטא וואס ער האט געטאהן מיט אלע מעגליכקייט.

די מוסר ספרים געבין ארויס תשובות תעניתים מיט נאך אנדערע ענינים דאס הייסט מען אללעם פאר דיא געזונדע מענשען. דער ווילנער גאון בביאור אליהו זאגט אבער, תורה און גמילות חסדים איז מכפר אויף אלע עבירות און דאס איז פיל בעסער ווי אלע תעניתים, און נאך אנדערע זאכען וועלכע דער מענש פייניגט זיך, דער עיקר פון תשובה איז נור תורה און מעשים טובים, אזוי איז דער טייטש תשובה, אומקערין זיך פון די בייזע וועג אויף דער וועג



1) עי' מצה"ש.

פון דער תורה, אונ כל זמן ער איז ניט עוסק אין תורה אונ אין מעשים טובים, שטייט ער נאך אלס אויף די אלטע וועג.

ב' חיים וואלאזינער זאגט אין זיין ספר נפש החיים, ווען א יוד איז שוין חלילה פארטרונקען אין טיפען זומפ פון עבירות ר"ל, האט ער כבח מיט די הייליגע תורה לערנען ארויס גיין אונ ווערין ריין אויב ער האט חרטה ווי דער דין איז.

ווער עס וויל צו קומען זיין א ריכטיגער בעל תשובה, זאל ער לערנען דעם שערי תשובה לרבינו יונה, ער איז שוין ב"ה געדרוקט אויף זארגאן.

די ריכטיגע תשובה איז, מען זאל האבען בכח ווען עס זאל זיך ווידער טרעפין פון די זעלבע עבירות צו טאהן אונ זאל זיך אבהאלטין פון דעם.

דער מענש דארף זיך איילין וואס פריער תשובה צו טאהן, ערשטינס ווייל מען ווייסט ניט דעם טאג פון שטארבען ווי דער תנא זאגט אין אבות (שוב יום אחד לפני מיתתך) דאס הייסט טוא תשובה איין טאג פאר דיין טויט ווייל דו ווייסט ניט ווען דו וועסט שטארבין דארום מוז מען תשובה טאן אלע טאג פיעלייכט שטארבט מען מארגין שטארבט מען דאך אן תשובה. צווייטינס דאס פערשטעהט יעדער מענש אז וואס די תשובה איז פריער איז זי בעסער דען אין די עלטערע יאהרען ווען דיא כוחות זענען שוואך אונ איז נאך דאצו ביי זיך געפאלין, אונ ווער דערט נאך ווען ער ליגט אויף דעם טויטען בעט אז דיא תשובה איז ניט גלייך צו די תשובה פון יונגע מענשען אין רעכטין רתיחת הדם.

ליידער אבער אז בעת זאגען דיא וידוי הערט מען גאר ניט וואס מען רעדט ווייל מען איז אין דעם איינגעוואהנט, לכן איז דיא עצה פאר דעם מתודה זיין זיך, בעטראכטין אז מען גייט זיך מתודה זיין אונ פאר וועמען מען גייט זיך מתודה זיין, אונ די ווידוי זאגין מיט א גיוויין קול אונ איינגעבויגינערהייט. ווערט מען ביי זיך צו בראכען קאן מען צו קומען צו טאהן א ריכטיגע תשובה.

## שטו) איש איש כי תשטה אשתו. (שם—יב)

די מצות עשה איז, ווען איין מאן האט א חשד אויף זיין פרוי מיט איין מאנספערזאן, אונ ער פערזאגט איהר פאר עדות זי זאל זיך ניט פערבארגען מיט דעם מאנספערזאן אונ זי פארבארגט זיך יא 1) ווערט מיט איהר גיטאהן ווי דא איז פארגעשריבען.

מען ברייגגט איהר פאר דעם בית דין הגדול אין ירושלים אין שווארצין געקליידעט אונ ניי ביידין מיט איהר בעריערענדע בייד ויא זאל זיך מודה זיין. אויב זיא זאגט דאך אז זיא האט ניט געזינדיגט ברייגגט מען איהר אין בית המקדש

---

1) וישתתה כרי צלית ביצה ולגומעה.

המקדש, אונ מען טוהט איהר אן גרויס שאנדע וויא עס איז געזאגט אין דער תורה, בכדי זיא זאל זיך מודה זיין, מען ציהט איהר אראב דיא דעקע פון קאפף, אונ מען טארפט איהר פערנאנדער די האר אונ מען רייסט איהר איין די שווארצע קלייד, ביז זי בלייבט שטיין מיטן בלויזין הארץ, אויב זי איז זיך דאך ניט מודה, דאנסמאהל בעשווערט איהר דער כהן מיט די שבועה וועלכע עס שטייט אין דער תורה אונ זי ענטפערט צוויי מאהל אמן 1) וועד ענטפערין אמן איז איהר גלייך וויא געשוואריןן נאכדעם איז איהר דער כהן מודיע, אזוי ווי מען וועט דיר אנטרינקען דיזע מים המאררים (פאר פלוכטע וואסער) ווענד זיך אזוי, אויב דוא האסט געזינדיגט וועט ביי דיר באלד געשוואלין ווערין די בויך אונ דער יארך וועט צו פאלין אויף שטיקער.

נאכהער ווערט אויס געשריבען אויף פארגעמענט די גאנצע שבועה וועלכע געשריבען אין דער תורה מיט אזוי א טינט וועלבע עס זאל קאנען אב געמעקט ווערין, דאכהער ברייננט מען א נייע ערדענע כלי אונ מען גיסט אריין איין האלב לאג וואסער פון (כיור) דיא האנדפאס פון בית המקדש, אונ מען שיט אריין א ביסעל ערד וועלכע ער נעמט דאס פון אונטער די פאדלאגע פון היכל, אונ מעקט אין וואסער אריין דאס וואס ער האט דא אנגעשריבען, ביז עס בלייבט קיין רושם פון א כתב אונ גיט איהר טרינקען די וואסער.

נאכדעם אן טרינקען איהר, איז דער כהן מקריב די קרבן מנחה וועלכע זי האט מיט געבראכט פון גערשטין מעהל, אויב זי האט יא געזינדיגט איז באלד איהר געזיכט געלב געווארען, אונ די אויגין אויסגעשפארט, די בויך איז איהר געשוואלין געווארען אונ די אדערין איינגעקראפט אונ עס ווערט באלד אויסגערופען מען זאל איהר ארויס פיהרען פון דער עזרה 2).

די גמרא זאגט אין סוטה, דער וועלכער עס האט מיט איהר געזינדיגט איז ער צו די זעלבע צייט מיטן זעלבין טויט געשטארבען, ער האט געקאנט זיין פון איהר ענדע וועלט.

אויב זי איז ריין פון חשד גיט זי רוהיג צו הויז, אונ איז מותר צום מאן אונ זי ווערט נאך געהאלפען אויב זי איז א קראנקע ווערט זי געזונד האט זי קיין קינדער ניט געהאט פאנגט זי אן צו האבען קינדער.

די מים המאררים אן טרינקען איז א גרויסער שבח פאר אונזער היילינע פאלק צו האבען א מיטעל ווי אזוי צו דער גיין דעם אמת, די מאנען זאלען ניט האבען קיין אומזאנסטין חשד אויף זייערע פרויען, צו דער קאנען וועלכע עס האט יא געזינדיגט אונ וועלכע ניט, וועלכע קיין פאלק האט דאס ניט,

דורך דיא מים המאררים האט געמוזט ארויס דער אמת. ווי דער מדרש ברייננט, עס איז געווען צוויי שוועסטער וועלכע האבען געהאט איין געזיכט,

---

1) אמן מאיש זה אמן מאיש אחר. 2) כדי שלא תראה דם ותטמא את העזרה.

זאגט די שוועסטער הער מיין שוועסטער איך וועל דיר אויסבייטן, אז איך וועל פרינקען וועט דאך דיר ניט שאטן, זי האט זיך פארשטעלט פאר די שוועסטער וועלכע אויף איהר איז דער חשד גיווען, מען האט איהר אוועק געפיהרט און גיפאהן מיט איהר נאך דעם דין נאך, און זיא איז זיך אוועק פריי מיט שמחה צו הויז, קומענדיג צו הויז איז איהר די שוועסטער ארויס געפאלין קושין, איז דער ריח פון דיא מים המאררים אריין אין איהר און ניא האט געהאט איהר בעצאהלונג ווי מען וואלט איהר זעלבסט אן געטרונקען.

דארום האט מען איהר אב געריסין דעם צודעק פון קאפף טייל די גרעסטע שאנדע איז ביי אידין דאס די פרויען זאלען גיין אב גידעקט די קאפף, און איהר איז דאך א מצוה צו פאר מיאוס'ן.

די מדה פון צניעות איז זייער גרויס, די גמרא זאגט אין יומא עס איז געווען א פרוי מיט איהר נאמען קמחית האט זי געהאט זיבין זין כהנים גדולים, האבען איהר די חכמים געפרעגט, דורך וואס פאר א זכות האט זיא אזעלכעס זוכה געוועזן, ענטפערט זיא, דיא בעלקים פון הויז האבען מיינע האר ניט געזעהן.

ווייל די יונגע פרויען מאכען זיך גרינג אין דעם איסור פון גיין מיט די בלויזע האר געפינען מיר נייטיג צו ערקלערין עטוואס וועגין דעם. מען דארף וויסען אז דאס איז א איסור פון דער תורה 1).

אויב זי גייט ארויס אין גאס מיט די הויליע האר ניט צו גידעקט, פאר שפילט זי די כתובה, און דעם גאנצען לעבען לעבין זיי אן א כתובה, אז זי פארשפילט די כתובה איז נאך ערגער ווי זי פארלירט די כתובה ווארום אז זי פארלירט די כתובה קאן מען שרייבען א אנדער כתובה, אבער אז זיא פאר־שפילט דיא כתובה הייסט דאך זיא האט קיין מאהל קיין כתובה, און דער רמב"ם פסקינת דער וואס לעבט מיט זיין פרוי אהן א כתובה הייסט וויא ער לעבט מיט א זונה.

אויב זיא גייט מיט די בלויזע האר פאר מאנסלייט אין דיא אויגען טאר מען קיין ברכה ניט מאכען און ניט זאגען קיין דבר שבקדושה נעגין איהר, אפילו דער אייגענער מאן אויך ניט.

דער זוהר הקדוש זאגט פאר יעדער האר וועלכע עס זעהט זיך א־ויס פון א אשת איש קומט בעזונדערע צרות, אייגענטליך שטעהט דאס אין דער תורה, דער פסוק זאגט (בכל מקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך) דאס הייסט אין יעדער ארט וואס איך קאן מאכען דער מאנען מיין נאמען זאגט גאט ב"ה וועל איך קומען צו דיר און דיר בענטשין אבער או מען קאן דארטין ניט דער מאנען גאטס נאמען, שטעהט נאך א פסוק (ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך) דאס הייסט עס זאל ניט גיזעהן ווערין ביי דיר קיין

שענדליכע

שענדליכע נאך וואָרום איך וועל זיך פון דיר אָב קערין, און צוזוי ווי די האָר פון א אשה רופט זיך ערוה, קערט זיך השי"ת אָב פון אונז, איז ניטא קיין ברכה.

דארום דארף דיא פרוי זיין צו גידעקט ווייל (שער באשה ערוה) דיא האָר איז גירעכינט ווי א ערוה מוז דאס זיין צו גידעקט, דאס איז מיטין שכל צו פארשטעהן דאס זיא דארף גיין קאנטיג צו גידעקט דיא קאפף אז זיא האט החונה געהאט 1), לאמיר זיך פארשטעלין ווי דיא היינטיגע פרויען גייען אב גידעקט, ווען זי איז ווייט פון צו הויז און מיט זיך האט זי די קינדער קאן מען מיינען דאס זי האט זיי געבארין אלעם פריילין.

אנדערע פרויען מאכען זיך גרינג אין דעם ווייל דער פארוק איז א משא אויף די קאפף, זעהן מיר פיל מאָדעס וואס עס דריקט די הארץ און קראנקט די געדערן, צב"ש א נארטעט אָדער איין אנדער מאָדע, און עס איז ניט שווער, דארף דער פארוק געוויס ניט שווער זיין צו טראגין, ווי באמת זעהן מיר גאנצע מדינות וואס די פרויען היטען זיך אָב פון דעם הרב'ן איסור, און ב"ה עס שאַדעט זיי ניט.

איבעראלל איז דא א תירוץ יעדער פרוי זאגט איך בין דען איינע, איך בין דען די ערשטע. דאס איז א וואָרע דוגמא אז איך וועל זעהן פיל מענשין וואס זיינען מחלל שבת אָדער אנדערע עבירות וועל איך דען זיי נאך טאהן? און זאגין איך בין דען איינער אין דעם, באמת ווענד זיך דאס אין די מאנען, ווען אז די מאנען וואָלטין שטערין די פרויען וואלטין זיי געוויס פאלגין וואָרום יעדער פרוי ווייסט אז זי איז אפּטער ביי השי"ת אין די הענד, ווען עס קומט איהר צייט צום געבארין א קינד. ליידער אָבער אנדערע מאנען שטערין נאר די פרויען צו גיין אין א פארוק, איז דער עון חל אויף איהם נאכמעהר, און אויב ער איז א ת"ח איז נאך דא דער ביי חילול השם, ווייל די שטאט לערנט זיך אב פון איהם.

אנדערע מאנען זאגען מען קאן דאס ניט אויספירען מיט די פרוי, באמת אָבער ניט קען קאן גיט, נור מען וויל ניט, צב"ש ווען די פרוי וועט אן טאהן שאדען וויא וועט אריבער גיסען צו פיעל אָדער זיא וועט געבען 5 פערטיל פונט פאר א פונט וועט איהר דען דער מאן שווייגען? געוויס וועט ער איהר אנזאגען שטרענג עס זאל דאס נאך א מאהל ניט זיין און זי וועט מורא האָבען. איז דאך געוויס אז ווען ער זאל איהר צווינגען זי זאל ניט גיין מיט די הויליגע האָר, וואלט זי געוויס מורא האבען און פאלגען.

## שמז) ולא יצוק עליה שמן. שמח) ולא ישים עליה לבונה (ה–טו)

די צוויי מצות לא תעשה'ס איז, א) עס זאל ניט קומען אין די מנחה פון סוטה קיין בוימאייל.

---

1) אפילו אין לה בעל.

ב) עס זאל ניט קומען אין מנחה פון סוטה קיין ווייהרויך.

איהר קרבן מנחה קומט פון גערשטין מעהל, ווייל זיא האט געטאהן א מעשה בהמה, דאפיר איז איהר קרבן א מאכל בהמה, דאס הייסט אזוי ווי דיא בהמה היט ניט איהר פאר אזוי האט זי ניט געהיט איהר פאר, ווארום ווען זי וואלט היטין איהר פאר דארף זי וויסין אז זי טאר ניט האבען איבעריגס קיין אויפטראגע מיט פרעמדע מאנספערזאנען עס זאל קומען צו דעם דער מאן זאל איהר גאר חושד זיין.

## שסט) וְכָל מִשְׁרַת עֲנָבִים לֹא יִשְׁתֶּה. שע) וַעֲנָבִים לַחִים לֹא יֹאכֵל. שעא) וִיבֵשִׁים לֹא יֹאכֵל. שעב) מֵחַרְצַנִּים לֹא יֹאכֵל. שעג) וְעַד זָג לֹא יֹאכֵל. (ו—ג)

די פינעף לא תעשה'ס איז, דער וועלכער טוהט זיך א נדר צו זיין אויס-נאמיג מעהר פון אלע מענשען, ער זאל זיין א נזיר (אבגעשיידעט) איז זיין דין אזוי.

א) ער טאר ניט טרינקען קיין וויין, אונ קיין אריין מישונג פון וויין, אונ קיין וויין עסיג, אונ קיין וואסער וועלכע אין זיי האט זיך געווייקט וויינטרויבין.

ב) ער טאר ניט עסען קיין וויינטרויבין.

ג) ער טאר ניט עסען קיין טרוקענע ראזין.

ד) ער טאר ניט עסען קיין קערנער פון די וויינטרויבין.

ה) ער טאר ניט עסען די שאלעכץ פון די וויינטרויבין.

## שעד) תַּעַר לֹא יַעֲבֹר עַל רֹאשׁוֹ. שעה) גַּדֵּל פֶּרַע שְׂעַר רֹאשׁוֹ. שעו) עַל כָּל נַפְשׁוֹת מֵת לֹא יָבֹא. שעז) לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ לֹא יִטַּמָּא. שעח) וּבְיוֹם מְלֹאת יְמֵי נִזְרוֹ וגו'. וְכִי יָמוּת מֵת עָלָיו וגו' (ו—ח)

די פינעף מצות איז, א) דער נזיר זאל זיך ניט גאלען דיא האר אין די צייט פון זיינע נזירות.

ב) עס איז א מצות עשה ער זאל לאזין וואקסין די האר.

ג) ער זאל ניט אריין קומען אין ארט וואו עס איז דא א טויטער.

ד) אפילו צו זיינע קרובים טאר ער זיך אויך ניט מטמא זיין.

ה) אויב ער איז טמא געווארין דורך א מת דארף ער זיך אב גאלין דעם זיבעטין טאג פון זיין טמא ווערין, אונ טובל זיין זיך אונ בריינגין דעם אכטען טאג איין קרבן, צוויי טאבין איינע א חטאת אונ איינע א עולה, אונ איין שאף פאר א אשם, אונ פאנגט אן ציילין פון דאס נייע נזירות אונ די פערגאנגענע צייט איז ניט גירעכינט.

א נזיר ווען עס ענדיגט זיך די טעג פון זיינע נזירות, בריינגט ער א שאף

איאהר

אַ יָאהר אַלְט פוּן אַ מִין זָכָר אוּנ אַיין שָׁאף אַ יָאהר אַלְט אַיין נְקֵבָה, דֶער זָכָר הֵייסְט אַ עוֹלָה דִי נְקֵבָה הֵייסְט אַ חַטָּאת, אוּנ אַ בָּאַראָן אוֹיף שְׁלָמִים, צוּ דֶעם בְּריינְגְט עֶר נָאךְ אַ מִנְחָה, צֶעהן חַלוֹת אוּנ צֶעהן רְקִיקִין, ווִי עֶס אִיז אוֹיסְגֶע־רֶעכִינְט אִין דֶער תּוֹרָה, אוּנ גָאלְט זִיךְ אָב דִי הָאר, אוּנ דִי הָאר וֶוערְט פַאר־בְּרֶענְט אִין דֶער עֲזָרָה אוּנְטֶער דֶעם קֶעסִיל וָואס מֶען קָאכְט דִי שְׁלָמִים.

גְזִירוּת אָהן אַ זְמַן אִיז דְרַייסִיג טֶעג.

דִי כַּוָּנָה פוּן נָזִיר אִיז שְׁוַואךְ צוּ מַאכֶען דִי קֶערְפֶּערְלִיכֶע תַּאֲווֹת, בִּכְדֵי צוּ קָאנֶען טָאהן דִי גֶעטְלִיכֶע גֶעבָאט מִיטִין נֶפֶשׁ, דֶער גִיט טְרִינְקֶען קֵיין ווַיין אוּנ דֶער זַיין אוֹיסְנָאמִיג פוּן אַנְדֶערֶע בְּרֶעכְט אָב דִי תַּאֲווֹת.

דַארוּם טָאר עֶר זִיךְ נִיט מְטַמֵא זַיין צוּ קֵיין קָרוֹב אוֹיךְ נִיט, ווַייל עֶר הֵייסְט אַיין גֶעטְלִיכֶער מַאן, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבֶען עֶרְקְלֶערְט בַּיי דִיא מִצְוָה פוּן כֹּהֵן גָדוֹל אִין פָּרָשַׁת אֶמוֹר, דַארוּם בְּרֵיינְגְט עֶר אַ קָרְבָּן נָאךְ דֶעם עֶנְדִיגֶען דִיא גְזִירוּת. ווַייל עֶר דַארְף גָאר נִיט וֶועלִין זַיין אוֹיס נָזִיר, דֶען הָאט עֶר שׁוֹין גֶעבְּרָאכִין דִי נָאטוּר צוּ זַיין אַ אוֹיסְגֶעזוּנְדֶערְטֶער מֶענְשׁ דַארְף עֶר שׁוֹין בְּלֵייבֶּען בַּיי דֶעם, אַזוֹי זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם.

גְזִירוּת אִיז נוֹהֵג אִיבֶּעראלל, אַ אִשָּׁה קָאן זִיךְ אוֹיךְ אַ נֶדֶר טָאהן זַיין אַ נְזִירָה, אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צֵייט בַּיי אוּנְז אִין חוּץ לָאָרֶץ וֶוען אַיינֶער זָאל זִיךְ אַ נֶדֶר טָאהן צוּ זַיין אַ נָזִיר בְּלֵייבְּט עֶר אַ נָזִיר אוֹיף עֶוִויג, אוּנ מֶען גֵייט אִידְם צוּ גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דָארְטִין הִיטִין דִי גְזִירוּת, אוּנ פִילְלֵייכְט וֶועט עֶר נָאךְ זוֹכֶה זַיין דָאס אִין זַיין צֵייט זָאל גֶעבּוֹיט וֶוערִין דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ וֶועט עֶר דָארְט בְּרֵיינְגִין זַיינֶע קָרְבָּנוֹת.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט הִילְנִי הַמַלְכָּה פוּן חָרוּב וָואס הָאט זִיךְ מְגַייֵר גֶעוֶועןּ (עֶר הַיוֹם אִיז נָאךְ דָא אִיהר פַּאלֶעץ אִין יְרוּשָׁלַיִם) אִיז זִיא גֶעוֶוען 21 יָאהר אַ נְזִירָה, דִי זַאךְ אִיז גִישֶׁעהִן אַזוֹי, אִיהר זוּן אִיז גִיוֶוען אִין דֶער מִלְחָמָה, הָאט זִי זִיךְ אַ נֶדֶר גִיטָאהן צוּ זַיין אַ נְזִירָה זִיבִּין יָאהר, אוֹיבּ עֶר וֶועט קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אִיז זִיא גֶעוֶוען זִיבִּין יָאהר אַ נְזִירָה אִין חוּץ לָאָרֶץ, נָאכְהֶער אַז זִיא הָאט אַרַיין גֶעצוֹיגִין אִין יְרוּשָׁלַיִם; הָאבֶען אִיהר דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט דָאס דִי צֵייט אִיז נִיט גִירֶעכִינְט מוּז זִי פִיהרֶען גְזִירוּת אִין יְרוּשָׁלַיִם אַנְדֶערֶע זִיבִּין יָאהר, סוֹף דִי זִיבִּין יָאהר אִיז זִי מִיט אַ צוּפַאל טָמֵא גֶעוָוארִין פוּן אַ מֵת, הָאט זִי גֶעמוּזְט הִיטִין נָאךְ אַנְדֶערֶע זִיבִּין יָאהר, ווַייל דִי פָארִיגֶע צֵייט רֶעכִינְט מֶען נִיט.

## שעט) כֹּה תְבָרְכוּ אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם. (ו—כג)

דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, דִי כֹּהֲנִים זָאלֶען בֶּענְטְשִׁין דִי יוּדִין.

וֶוען דֶער כֹּהֵן אִיז דָא בַּיי בִּרְכַּת כֹּהֲנִים אוּנ גֵייט נִיט דוּכְנֶן אִיז עֶר עוֹבֵר אוֹיף דְרַיי מִצְוֹת עֲשֵׂה'ס [1].

---

1) כה תברכו, אמור להם, ושמו י"ת שמי, וס"מ עיקר העשה אינו אלא אחת, הצוי כה תברכו.

דער עולם דארף א כוונה האבען עס זאל אויף זיי חל זיין די ברכה.

בעת דיא כהנים דוכנען דארף דער עולם צו הערין, אונ ניט זאגין דיא פסוקים 1) וואס איז איינגעצייכענט אין סידור. אויסער דעם רבש״ע אונ דעם יהי רצון.

די כהנים זאלין ניט פערנאנדער גיין פון דוכען ביז נאך קדיש טייל איבער דעם זאגען ישר כח פארפעלט מען צו זאגען אמן אין קדיש.

פאר ברכת כהנים דארפין די כהנים ניט טרינקען קיין משקה.

די כהנים בעדארפין וואשין די הענד אזוי ווי צום עסען

די כהנים וואשין די הענד יום כפור אויך.

ביי ברכת כהנים איז דער רעכט אריבער ציהען דעם טלית ניט צו זעהן ווי די כהנים דוכנען.

א לוי איז פריער אויף צו גיסען די כהנים, אויב קיין לוי איז ניטא דארף אויף גיסען א בכור, אויב קיין בכור איז אויך ניטא זאל דער כהן זיך אליין וואשען.

ווי דער חזן זאגט רצה דארפין זיך שוין די כהנים רירין צו גיין צום דוכען, דארום דארפען זיי זיין געוואשין פון פאר רצה, בכדי אז צו רצה זאלען זיי צו גיין גלייך צום דוכען.

ביז מען ענדיגט זאגען מודים שטעהען זיי מיט'ן פנים צום ארון הקודש. ווי דער חזן ענדיגט מודים שפרייטין זיי אויס דיא הענד אונ קערין זיך צום עולם, ווי דער חזן זאגט דעם ווארט כהנים זאגין זיי די ברכה, די הענד דארף זיין פערנאנדער געשפרייט עס זאל אויס קומען פינעף פענצטערליך 2) צווישען צוויי פינגער איין שפאלט, צווישען אצבע אונ גודל נאך איינס, אזוי אין ביידע הענד איז דא פיער, איינע צו גויף שטעלינדיג ביידע הענד א גודל צו א גודל, איז דא בסך הכל פינעף שפאלטין.

די רעכטע האנד דארף מען האלטין עטוואס העכער פאר די לינקע.

די אינעווייניגסטע פון די הענד קומט אויס צו דער ערד, אונ די אויסווייניגסטע צום הימעל.

די הענד דארפין האלטין עס זאל אויסקומען נעגין די אקסלען.

ווען זיי גייען ארויף צום דוכען מיט'ן פנים צום מזרח, ווען זיי קערין זיך צום עולם, דארפין זיי זיך קערין מיט א זייט צום דרום, אונ דער נאך צום מערב זייט בעננטשין דעם עולם, נאך דעם בעננטשין אז זיי קערין זיך צוריק צום מזרח, זאלין זיי זיך קערין מיט א זייט צום צפון, דער נאך צום מזרח.

ווען זיי גייען אראפ פון דוכען זאלין זייא גיין אינטערטעניליך, ווי א תלמיד גייט אוועק פון א רבי'ן.

ווען

1) רמ״א. 2) עפ״י מדרש מציץ מן החרכים, ה׳ חרכים.

ווען דער כהן האט שוין אב געדוכינת אונ קומט אין שוהל און געפינט דוכנן, מאג ער נאך א מאהל דוכנן אונ מיט א ברכה.

ביי אונז היינט אין חוץ לארץ איז מען זיך נוהג צו דוכנן, נור יום טוב, ראש השנה, יום כפור.

## שפ) עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו.

די מצות עשה איז, דעם ארון וואו עס שטייט די לוחות, זאלען איהם די כהנים טראגן אויף די אקסלין, די מצוה איז נוהג נור ווען מיר זיינען אויף אונזער לאגר, אונ עס פארערט צו טראגן דעם ארון.

ווייל דער כבוד פון אידין איז די תורה, אונ די תורה ליגט אין ארון איז דער רעכט עס זאלין איהם טראגין די היילינע לייט וועלכע זיינען אויסערוויילט צו די געטליכע דינסט.

---

# בהעלתך

## שפא) איש איש כי יהיה טמא לנפש וגו' בחודש השני בארבעה עשר יום לחודש וגו' יעשו אותו. שפב) על מצות ומרורים יאכלהו. שפג) לא תותירו ממנו עד בוקר. שפד) ועצם לא ישברו בו. (ט—יא.יב)

די פיער מצות איז, א) עס איז א מצות עשה, ווער עס האט ניט געקאנט מאכען דעם קרבן פסח ווייל ער איז געוועזען טמא אדער ווייט פון ירושלים אדער ער איז געוועזען אין א נויט, זאל ער מאכען דעם קרבן פסח דעם פערצעטין טאג אין חודש אייר, דער פסח רופט זיך פסח שני.

ב) צו עסין דעם פסח מיט מצה אונ מרור.

ג) ניט איבערלאזין די פלייש פון קרבן פסח, ביז מארגען פריה.

ד) ניט צו ברעכין קיין ביין אין קרבן פסח.

## שפה) וכי תבאו מלחמה וגו' ותקעתם בחצוצרות על עולותיכם וגו'. (י—ט)

די מצות עשה איז, צו בלאזין מיט זילבערנע טראמפעטין אין בית המקדש ביים מקריב זיין די קרבנות, אונ ווען עס טרעפט א צרה ח"ו אויף דעם כלל ישראל, צב"ש א מלחמה ווען יודין האבען געהאט רעכט צו פירען מלחמות, אדער ווען עס קומט א הונגער, אדער א פעסט.

מיט די חצוצרות איז מען מודיע, אז דאס איז אונז געקומען פאר אונזערע זינד, אונ ניט חלילה א נאטירליכער טראף צו וויסען אז מען דארף טאהן תשובה, אונ מען וועט גיענטפערט ווערין ווי עס שטייט אין דער תורה.

די מצוה איז נוהג אין דער צייט פון בית המקדש.

פון דער מצוה האבען דיא חכמים גענומען מתקן צו זיין, ווען עס קומט חלילה א מין צרה, זאל מען פאסטען אונ רופען צוא גאט ביז מען וועט גיענטפערט ווערין. דיא זעלבע יעדער איינציגער בעת עס טרעפט איהם א צרה אין הויז זאל ער פאסטין אונ בעטין ביי גאט.

אויף א שלעכטין חלום פאסט מען אפילו אום שבת, אויסער וואס מען איז זיך מיטב חלום ווי עס איז דא דער נוסח אין סידור, מען דארף אבער פרעגין א שאלה, ווייל נאר זעלטין עס זאל טרעפין א אמתר חלום.

עס איז דא ביי אונז יודען אבגעשטעלטע פיער תעניתים, ווייל אין די טעג האט גרויסע צרות געטראפין.

א) שבעה עשר בתמוז. פינעף זאכין האט אין דעם טאג געטראפין. א) די לוחות איז צו בראכין געווארען איבער דעם חטא פון עגל. ב) דער קרבן תמיד איז אין ערשטין בית המקדש בטל געווארען. ג) אין דעם טאג איז דיא שטאט ירושלים אויף געבראכען געווארען 1). ד) איפפיסטומס הרשע האט דעם טאג די ספר תורה פאר ברענט. ה) דעם טאג האט מען אריין געשטעלט א צלם אין היכל.

ב) תשעה באב, אין דעם טאג האט זיך אויך געטראפען פינעף זאכען. א) אין דעם טאג איז נגזר געווארען יודען זאלען ניט אריין אין ארץ ישראל, ווען זיי זענען געווען אין דער מדבר, צו ליב דעם חטא פון דיא מרגלים. ב.ג) אין דעם טאג איז חרוב געווארען דער ערשטער אונ דער צווייטער בית המקדש. ד) אונ דיא גרויסע שטאט ביתר איז בעצוואונגען געווארען, וועלכע עס זיינען דארטען געווען צעהנדליגע טויזענדער יודען. ה) אין דעם טאג דאס טורנוטרופוס הרשע געאקערט אויף דעם ארט פון בית המקדש אונ דעם פלאץ ארום.

ג) צום גדליהו, אויף מארגען נאך ראש השנה דעם טאג האט מען גיטייט גדליה בן אחיקם, וועלכער נבוכדנצר האט איהם איבער געלאזען נאך'ן חורבן. אונ עס איז פערלאשען געווארען דער לעצטער פונק וואס האט געלויכטען אין ארץ ישראל, אונ זי איז גאר וויסט געבליבען.

ד) עשרה בטבת, דעם טאג האט נבוכדנצר הרשע בעלעגערט ירושלים

דיא פיער תעניתים איז נאך פון דיא נביאים, ווי עס שטייט מפורש אין פסוק 2).

דרייצען טאג אין חודש אדר איז תענית אסתר, דאס איז ווייל יודין האבין

זיך

1) בחורבן בית שני כי בראשון היה בט' באב ובירושלמי איתא דגם בראשון היה בי"ז

2) צום הביעי וגו'.

דיך פערזאמעלט מלחמה האלטען אין דער צייט פון גזרת המן, האבען זיי אויף זיך מקבל געווען א תענית, אונ זענען גיענטפערט געווארען.

תשעה באב איז דער תענית מיט אלע ענוים גלייך צו יום כפור, נור קראנקע שלאפע איז מען תשעה באב גרינגער מתיר צו עסען ווי יום כפור.

פון שבעה עשר בתמוז, מאכט מען גיט קיין חתונות, אונ מען שערט זיך ניט.

פון ראש חודש ביז תשעה באב, וואשט מען ניט קיין וועש, מען טוט ניט אן קיין נייעם בגד, אונ מען עסט ניט קיין פלייש אונ מען טרינקט ניט קיין וויין.

אלע דינים פון דיא תעניתים, איז ערקלערט אין שלחן ערוך, אונ פיעל דינים איז ידוע צום כלל ישראל.

אויף די תעניתים זענען נשים אויך מחויב.

# שלח

## שפו) ראשית עריסותיכם חלה תרימו.

דיא מצות עשה איז, אב צו שיידען חלה פון דיא טייג פון דיא פינעף מינים. א) קארין, ב) ווייץ, ג) גערשטין, ד) האבער, ה) ארקוש. אויב מען מאכט צו עסען פאר מענטשין, אונ דאס געבען צום כהן. דאס איז אין דער צייט פון בית המקדש.

יעצטיגע צייט אין ארץ ישראל אונ אין חוץ לארץ, נעמט מען נור אראב א שטיקעל טייג, ווי א כזית די גרויס, אונ מען פארברענט דאס.

דער שיעור פון וויא פיעל טייג מען דארף נעמען חלה, איז פון העהל געניא דריי קווארט רוסישע מאס, דאס איז גרויס ווי דריי אונ פערציג אייער מיט א פינפטעל איי.

די מצוה פון חלה נעמען איז איבער געגעבען צו די פרויען, ווייל דאס געהער צו ווירטשאפט, אונ זיי זענען אימער אין הויז.

דער בעל הבית מאג אויך נעמען חלה.

פאר דעם נעמען די חלה מאכט מען דיא ברכה, ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש חלה, דאס הייסט געלויבט איז אונזער נאמט דער קאניג פון דער וועלט וועלכער האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצות, אונ האט אונז פערזאגט אב צו שיידען חלה.

אז מען פארגעסט צו נעמען חלה פון די טייג, דארף מען נעמען פון די געבאקענע, מען מוזט אזוי מען לייגט אריין דיא געבעקס אין איין כלי אדער

מֶען דַערְקְט צוּ מִיט אַ טִישְׁטוּךְ, אוּנ מֶען בְּרֶענְגְט אָב אַ שְׁטִיקֶעל, פוּן אַ חַלָה, אָדֶער פוּן אַ בּוּלְקֶע, אָדֶער פוּן אַ לֶעבִּיל בְּרוֹיט, אוּנ מֶען פַארְבְּרֶענְט.

וָואס מֶען נֶעמְט אַרוֹיס ווֵיטֶער טֵייג צוּ פַארְזַייעֶרִין אַנְדֶערֶע בְּרוֹיט אָדֶער חַלָה, זָאל מֶען נֶעמֶען פַאר דֶעם אָב שֵׁיידֶען חַלָה, אוֹיב אוֹיף בָּארְשְׁט, זָאל מֶען נֶעמֶען נָאךְ דֶעם אָב שֵׁיידֶען חַלָה.

אוֹיב מֶען הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, אַז מֶען הָאט נִיט גֶענוּמֶען קֵיין חַלָה, דַארְף מֶען לָאזֶען אַ שְׁטִיקֶעל פוּן יֶעדֶער חַלָה, אָדֶער פוּן בּוּלְקֶע בְּעֵת מֶען עֶסְט, נָאךְ שַׁבָּת אָדֶער נָאךְ יוֹם טוֹב, נֶעמְט מֶען אֵיין שְׁטִיקִיל פוּן דִי אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ אוּנ מֶען פַארְבְּרֶענְט, אוּנ דִי אִיבֶּערִיגֶע קָאן מֶען עֶסֶען.

גֶעקְנָאטֶענֶע טֵייג פוּן דְרַיי קְוָוארְט מֶעהל מִיט מִילְךְ אָדֶער מִיט הָאנִיג, דְהַיינוּ קִיכְלֶעךְ לֶעקֶעךְ דַארְף מֶען נֶעמֶען חַלָה מִיט אַ בְּרָכָה.

אוֹיב מֶען קְנֶעט מִיט אַייֶער אָדֶער מִיט אַייל פוּן דְרַיי קְוָוארְט מֶעהל, זָאל מֶען צוּ גִיסֶען אַ בִּיסֶעל וַואסֶער כְּדֵי צוּ נֶעמֶען חַלָה מִיט אַ בְּרָכָה.

אַז מֶען הָאט פַארְקְנָאטֶען אַ שִׁיעוּר חַלָה טֵייג אוֹיף קָאכֶען אָדֶער פְּרֶעגְלֶען דַארְף מֶען נֶעמֶען חַלָה אָן אַ בְּרָכָה.

לֶעקֶעךְ קָארֶענֶע אָדֶער ווַייצִינֶע פוּן דְרַיי קְוָוארְט מֶעהל, נֶעמְט מֶען חַלָה פוּן דִי טֵייג אוּנ מִיט אַ בְּרָכָה, אָדֶער נָאךְ דֶעם בַּאקֶען.

חַלָה פוּן מַצָה דַארְף מֶען נֶעמֶען אַזוֹי, מֶען לֵייגְט אַרַיין גָאר דִי מַצָה אִין אֵיין כְּלִי, עֶס זָאל נִיט אַרוֹיס שְׁטֶעקְן קֵיין מַצָה אוֹיסֶער דִי כְּלִי, אוֹיב עֶס לִיגְט אִין מֶעהר ווִיא אִין אֵיין כְּלִי, זָאל מֶען אַרוּם דֶעקְן מִיט אַ טִישְׁטוּךְ אִיז דָאס גְלַייךְ ווִי עֶס לִיגְט אִין אֵיין כְּלִי, אוּנ מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה לְהַפְרִישׁ חַלָה, אַנְדֶערֶע ווַייבֶּער הָאבֶּען אַ טָעוּת אוּנ מַאכֶען שֶׁהֶחֱיָנוּ בַּיי דִי חַלָה נֶעמֶען, זָאל מֶען ווִיסֶען אַז עֶס אִיז אַ בְּרָכָה לְבַטָלָה.

אַז מֶען פַארְגֶעסְט צוּ נֶעמֶען פַאר פֶּסַח חַלָה פוּן דִיא מַצָה, דַארְף מֶען פְרֶעגֶין אַ שְׁאֵלָה.

## שפז) וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִית עַל כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם. (טו—לח)

דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אִיז, צוּ טְרָאגֶען צִיצִית אִין פִיֶער עֶקִין בֶּגֶד.

דִיא צִיצִה דַארְף זַיין גֶעשְׁפוּנֶען אוּנ גֶעדְרַייט לִשְׁמָה, דַארוּם דַארְף מֶען זָאגֶען פַאר דֶעם שְׁפִּינֶען אוּנ פַאר דֶעם דְרַייעֶן, אִיךְ טוּא דֶעם אַרְבַּייט לְשֵׁם צִיצִית 1).

דִי כְּנָפוֹת דַארְף זַיין פִיֶער קַאנְטִיג.

דִיא בְּגָדִים וָואס הָאבֶּען פִיֶער בְּרֶעגֶעס, דְהַיינוּ אַ רָאק מִיט אַ שְׁפַּאלְט

---

1) אזוי וויא יעצטיגע צייט איז דא אין דער וועלט פאבריקין פון ציצית דארפין דיא פאבריקאנטין אויף היטין דאס, אויב ניט זיינען זייא דאך מכשיל את הרבים.

דארף מען איין ברעג מאכען קאלעכדיג, ווארום אויב ניט איז מען מחויב בציצית.

מיר זענען זיך נוהג דעם גאנצען טאג גיין אין א טלית קטן ביז שלאף, אונ צום דאווינען אהן טאהן א טלית גדול.

די לייגג פון טלית קטן דארף זיין צו דריי פערטיל איל אין א זייט.

דער ארבע כנפות דארף זיין אפען פון ביידע זייטען מעהר וויא צו ניט געציים, דארום איז גלייך צו מאכען דעם ארבע כנפות מיט בענדלעך פון ביידע זייטען אונטער די ארעמס.

פאר דעם איינמאכען די ציצית, דארף מען זאגען איך מאך איין לשם ציצית.

די לעכלעך אין וואס מען מאכט איין די ציצית, דארף זיין ניט נידעריגער פון ברעג כנפה ווי די לייגג פון ערשטין גליד פון גראבען פינגער, סיי אונטין סיי פון דער זייט, אונ ניט העכער אין כנפה ווי די ברייט פון דריי פינגער, פון אונטין אונ פון דער זייט, אויב מען היט ניט אב ריכטיג דיא מאס הייסט עס געגאנגען אין פסולה ציצת.

דיא געוועבטע ביים ברעג טלית קטן אדער ביים טלית גדול אזוי וויא פרענדזליך, דארף מען אראב נעמען פאר דעם איינמאכען 1).

דער איינמאכען דיא ציצית איז אזוי, מען נעמט פיער פעדעם, איינער זאל זיין לייגגער, דער פאדעם רופט זיך שמש, אונ מען לייגט צו נויף אין צווייען ווערט עס אכט, אונ מען ציהט אריין אין די כנפות, אונ מען מאכט צוויא קניפלעך.

די ציצה דארף הענגען אין זייט פון כנפה, ניט אראב גלייך מיטין טלית קטן אדער מיטין טלית גדול.

מיט דעם פאדעם וואס רופט זיך שמש, וויקעלט מען ארום זיבען מאהל אונ מען מאכט צווי קניפלעך, נאכהער אכט מאהל, נאכהער עלף מאהל, דער נאך דרייצען מאהל, הייסט עס איין געמאכט פיער פרשיות, ביי יעדער מאהל מוז מען מיט צווי קניפלעך פארקניפען.

א ברכה אויף ציצת מאכט מען ביי טאג אבער ניט ביי נאכט.

די ציצה האט אין זיך פיינע רמזים צו צו האלטען דעם יודין אין דת, אין איין מאכען דיא ציצה איז מרומז דאס דער יוד מיט דיא תורה מיט דעם בורא זענען צו זאמען געבונדען ווי איינס.

די זיבען פעדעם איז געגין דיא זיבען הימלען, דער אכטער פאדעם דער שמש איז געגין די ערד, דאס בעדייט דאס די וועלט איז נור בעשאפען געווארען צו בעדינען יענע וועלט, ווייל דארט איז דער אמת'ר תכלית, מען מאכט איין אין פיער זייטען, צו דער מאנען זיך אז דיא השגחה פון בורא איז אין אלע פיער זייטען וועלט

---

1) משום ספק אם נחשב הארוג שתי או ערב ל... , מ"א ס"ק י.

אין די פיער ציצת איז דא צוויי אונ דרייסיג פעדעם, איז דאס געגין דעם געמראף פון „לב" דיא הארץ, צום משועבד זיין די הארץ צו גאט ברוך הוא, אויך איז דא צוויי אונ דרייסיג וועגין פון חכמה, חכמת האמת.

דיא ערשטע פרשה איז זיבען, איז דאס געגין דיא זיבען טעג פון וואך מיטין שבת.

די צווייטע פרשה איז אכט, איז דאס געגין אכט טאג פון געבארין ביז בעקומען דעם זיגיל פון א יוד.

דיא דריטע פרשה איז עלף, איז דאס געגין דיא פינף חומשים תורה שבכתב מיט די זעקס סדרים גמרא תורה שבעל פה, וועלכע דאס איז אונזער תורה וואס איז געגעבין אויף דעם בארג סיני.

דיא פירטע פרשה איז דרייצען, איז דאס געגען דעם באטרעף פון אחד, איז דאס מרומז אז דער יוד אויף דער וועלט אין זיין צייט דארף ער זיין צו געבונדין צום בורא אונ צו דיא תורה, אויך איז א רמז דאס צו דרייצין יאהר ווערט ער א יוד.

אלע פרשיות בעזאמען באטרעפין ניין אונ דרייסיג, איז דאס געגען דעם בעטרעף פון ה' אחד.

דארום קאן מען זאגען איז דא שבת ניין אונ דרייסיג מלאכות וועלכע אויב מען טוהט פון זייא אום שבת איז מען חייב מיתה, טייל שבת איז דער גרעסטער יסוד צו וויסין אז ה' אחד.

דיא לייגג פון דיא ציצה דארף זיין פון צוועלף נודלין אין דער ברייט דאס הייסט וויא צוועלף גראבע פינגער, איין דריטיל דארף פארנעמען דער ארום וויקלען, צוויי שליש דארף פארנעמען די פעדעם.

אז צווייא פעדים האבין זיך צו נומען פון זייער צונויף דרייאונג איז דיא ציצה פסול.

אז עס רייסט זיך איבער א פאדים פון ציצה אין דעם ארט וואו מען ציהט אריין די ציצה איז די ציצה פסול.

אז עס רייסט זיך איבער איין פאדים פון ציצה, איז דיא ציצה כשר.

אז עס רייסט זיך איין די כנפה מאג מען ארויף רוקין דיא ציצה אונ צו נייען די כנפה, אויב דיא כנפה איז איבער געריסין אין גאנצען טאר מען נים פריער אריין זעצין די ציצה אונ דער נאך פאר נייען די כנפה, נור מען מוז פריער פארנייען דיא כנפה דער נאך דיא ציצה איינמאכין.

אז מען דערזעהט ביי זיך א פסולה ציצה, מוז מען באלד אוים טאהן אונ מען טאר נים גיין אין טלית קטן איין מינוט, אויב מען דערזעהט דאס אין שוהל אדער נור צווישען מענשין דארף מען גיין אהיים אונ באלד א יכשיאין. אויב מען געפינט אין טלית אין שוהל שבת אז דיא ציצה איז פסול אונ מען בעקומט נים קיין אנדער טלית מאג מען דאוונען אין זעלבען טלית. דאס איז

אלעם

אלעם גירעדט אז ער האט פאר שבת ניט געוואוסט פון דעם. אבער קיין ברכה אויף דעם טלית טאר מען ניט מאכן.

מען איז זיך נוהג אויף דעם טלית קטן צו מאכן "על מצות ציצית" וואויל ער האלט דעם שיעור (ויפיל ער דארף האלטן) אונ אויף דעם טלית גדול מאכט מען להתעטף בציצית 1), נור ווייל מען טוהט אן דעם טלית קטן אונטערוואשין, אויך דאס מעהרסטע טליתים קטנים האלטין ניט דעם שיעור, דארום זאגין דיא פוסקים, בעת מען מאכט דיא ברכה אויף דעם טלית גדול זאל מען האבין אין זינען צו פטרין דעם טלית קטן אויך.

פיל מענשען זיינען פארגרייזט, זייא זאגען א ברכה "על מצות ציצית" אונ באלד מאכין זייא א ברכה אויף דעם טלית גדול, איז איין ברכה א ברכה שאינה צריכה, דאס הייסט זיא איז א איבעריגע ברכה ווארום מיטין טלית גדול קאן מען פטרין דעם טלית קטן.

דער אנטאן דעם טלית גדול דארף זיין אזוי, בעת מען נעמט אן מיט די הענד צום אן טאן זאל ער שטיין א ווייליע אונ טראכטין אז ער וויקילט זיך ארום מיט דיא ציצית צו דער מאנען זיך דיא מצות פון בורא, אונ מאכין דיא ברכה, דערנאך איבער דעקין זיך מיט דעם טלית ביז דיא מויל, אונ נעמען דיא צוויי ציצית פון רעכטין זייט אונ אריבער לייגין אויף דעם לינקען זייט, אונ שטיין אזוי ווי עס גידויערט דער גאנג פון פיער איילין.

איבער דיא צייט פון דאוונען דארף זיין צוויי ציצית פון הינטין אונ צוויי פון פאריגט. דיא וואס פארשטעקין אלע פיער ציצית פון פאריגט אין גארטיל, איז דאס א גרייז ווארום דער ווילנער גאון וויל האבין אז אפילו צו קריאת שמע זאל מען אויך מער ניט האלטין די פארדערשטע צוויי ציצית. (2

פאר דעם מאכען דיא ברכה דארף מען בודק זיין די ציצית, דיא פעדים וועלכע הייגען אראב, אונ וועלכע אויף דער כנפה וואו מען ציהט אריין דיא פעדים אונ וואו עס איז ארום געוויקילט.

אז מען גייט ארוים אין מיטין דאוונען, דארף מען ניט מאכין נאך אמאהל א ברכה אויף דעם טלית.

א פסולה ציצה טאר מען ניט אוועק ווארפין בבזיון.

דיא מצות ציצית וואס א יוד טראגט איז גלייך וויא דער זעלנער טראגט פאלעטין איהם צו דערמאנען אז ער האט אויף זיך דעם שיעבוד מלכות 3), אזוי דערמאנט א יודין דיא מצות ציצית אז ער איז א יוד, אונ פערהיט איהם פון שלעכטעס, דאס דערמאנט איהם אלע מצות, וויא דיא גמרא זאגט ציצית בעטרעפט זעקס הונדערט, די ציצה איז אכט פעדים מיט פינף קניפ, איז דאס

זעקס

---

1) מיט א פתח אונטערין בית, די ברכה דארף מען מאכין שטייענדיג. 2) וכן תוס׳ בירושלמי. 3) מנחות מ״ג תוס׳ ד״ה הותם.

געקם הונדערט דרייצין, געגען דיא הרי"ג מצות, דאס דערמאנט דעם יודין צו היטין זייא מקיים צו זיין, וויא עס שטייט אין פסוק וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה').

אויך פאר היט איהם דיא מצות ציצית פון זנות אונ פון אפיקורסת, דארום איז באלד ביי מצות ציצית פאר זאגט דער לאו פון „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם".

דיא גמרא ברענגט א געשיכטע פאקטיש וויא דיא ציצית האבין איינעם א תלמיד חכם אב געהיט פון זנות וואס ער איז דורך געפאלין, דען דורכפאלין קאן טרעפין דעם גרעסטין, אבער דעם ניצול ווערין דער ביי דארף מען האבין מעשים טובים.

דיא זאך איז געשעהען אזויא, ער האט געהערט אז אין א שטאט ביים פארט ים איז דא א גרויסע שוינהייט, האט ער איהר געשיקט פאראויס פיער הונדערט רענדלעך אונ איז געקומען צו איהר.

זיא האט געלאזט צו קלייבין דעם צימער מיט זילבערנע אונ גאלדענע מעביל מיט גאלדענע שטיגין ארויף צו גיין צו איהר, אונ זיא האט זיך גיזעצט באקעט אויף א גאלדענע בעטיל, ער האט זיך אויך גיזעצט געגין איהר מיטין זעלבין שטאנד, זייגען געקומען דיא פיער ציצית מיט זייער הייליגען געדאנק אונ איהם געקלאפט אויף זיין געזיכט. איז ער באלד אראב אונ זיך געזעצט אויף דער ערד. אויף איהם קוקענדיג איז זיא אויך אראפ אונ זיך געזעצט אויף דער ערד.

זיא זאגט צו איהם איך שווער דיר ביי דעם לעבין פון מיין מלך דער מלך פרס, דאס איך וועל דיר ניט אב לאזין ביז דוא מוזט מיר זאגין וואס פאר א פעהלער דוא האסט אין מיר געזעהען. ענטפערט ער, איך שווער דיר אז איך האלט דיר פיר איין שוינהייט אין דער וועלט, נור מיר האבין א מצוה מיט דעם נאמען ציצית, ביי דעם שטייט צווייא מאהל אני ה' אלהיכם, איך שטראף דעם פערברעכער אונ בעצאהל גוטעס ווער עס פערדינט. אט דיא פיער ציצית האבין זיך מיר פארגישטעלט וויא פיער עדות אונ קלאפין מיר אויף מיין געזיכט אונ לאזין מיר דעם פערברעך ניט טאן.

דא זאגט זיא איך לאז דיר ניט אב ביז דוא זאלסט מיר זאגין דיין נאמען אונ דעם נאמען פון דיין רבי מיט די ישיבה וואו דוא האסט דארט גילערינט דיא תורה. ער האט איהר אלעם ריכטיג אויסגעשריבין אונ איז אוועק. זיא האט באלד איהר גישעפט אב געלאזין, אונ האט איהר גוטעס צו טהיילט, איין דריטיל האט זיא אב גיגעבין צו דיא מלוכה מען זאל איהר ארויס לאזין פון דער מדינה. איין דריטיל האט זיא צוטהיילט פאר ארעמע, אונ א דריטיל האט זיא מיט גענומען, אויסער דיא מעביל וועלכע זיא האט געהאט צו גיקליבין דאס האט זיא גילאזין, אונ זיא האט זיך געלאזט גיין צו רבי מאיר'ן אין זיין ישיבה

ויא איז געקומען צו רבי מאיר אונ זאגט רבי איך וויל מיך מגייר זיין, זאגט רבי מאיר, מיין מאכטער פיליכט האסטו געווארפען דיין אויג אויף איינעם פון די תלמידים, איז דאך דאס ניט מיט איין אמת, האט זיא ארויסגענומען דעם אומשריפט פון זיין תלמיד, דא זאגט רבי מאיר אויב אזוי גיי פריי ניך מיט דיין איינקויף, די מעביל וואס דוא האסט צו געקליבען באיסור זאל זיין פאר איך בהיתר, רבי מאיר האט איהר מגייר געוועזן, אונ דער תלמיד האט איהר פאר א פרוי גענומען.

זעהען מיר ווי גרויס די מצות ציצת איז, דעם תלמיד האט דאס אבגעהאלטען פון דעם פארברעך, אונ זיא איז ארוים פון איהר שלעכטע וועג, אונ נאך מקבל געווען דעם דת יהודית.

נאך דיא אללע ערקלערונג דארף יעדער יוד מהדר זיין אין מצות ציצת, א פיינעם טלית קטן א וואלענעם ער זאל האלטען דעם שיעור ווי נייטיג איז, די קינדער דארף מען איינגעוואהנען אין דער מצוה פון ציצת.

מיר זאלען זוכה זיין די מצוה מקיים צו זיין אין גאנצען וויא עס שטייט אין דער תורה הכנף פתיל תכלת והיה לכם לציצת, וויא די גמרא זאגט תכלת דער מאנט דעם מענשען צו דינען דעם בורא וואס זיצט על כסא כבודו 1).

## שפח) ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם. (טו—לט)

די מצות לא תעשה איז, ניט צו טראכטין אזעלכע געדאנקען, וועלכע ברייגען צו אפיקורסת, אויך ניט וועלין דער גיין דעם גרונד פון חכמת אלהות, אונ ניט נאך נאכגלין די אויגען נאך זנות, דאס הייסט ניט מאכען גאהעקרע אויף פראגע מיט פרויענצימער.

אין דעם כלל איז, ניט נאך צו יאגין זיך נאך אנדערע תענוגים אונ תאות עולם הזה.

דער מענש דארף זיין זעהער געהיט פון שלעכטע געדאנקען דען איגנעם שענד זיך אלעם.

דער וואס איז עובר אונ טראכט פאלשע געדאנקען אין דה, אדער ער טראכט וועגין זנות אדער ער יאגט זיך נאך, נאך די קערפערליכע תענוגים, איז ער עובר אימטער דעם לאו אונ די עבירה איז זעהר הארב עס פארפירט איהם פון יענע וועלט, אונ עס איז איהם מטמא זיינע רמ"ח אברים אונ שס"ה גידים, קערפערליכע אונ גייסטליכע

די גמרא זאגט די הארץ אונ די אויגען זיינען די סרסרים פון עבירה, די אויג זעהט אונ דיא הארץ געלוסט, דיא איבעריגע אללע אברים פון קערפער שטעהען פארטיג צו אלע צייט צו פאלגען ווי דינער דעם הארין

דארום

---

1) תכלת דומה לים, ים דומה לרקיע. רקיע לכסא הכבוד.

דארום איז באמת די מצוה א גרויסער יסוד אין דת, ווי די חכמים זאגען זמצוה גוררת מצוה, עבירה גוררת עבירה", דאס הייסט איין מצוה ציהט דיא צווייטע מצוה, אונ איין עבירה ציהט דיא צווייטע עבירה, ווען מען זאל נור איין מאהל נאך געבען דעם געדאנק צו ערפילען די שלעכטע תאוה, וועט שוין נאך ציהען אימטער, ביז מען איז שוין אויף זיך וועלבסט קיין בעל בעה ניט אב צו האלטין, אבער ווען מען זאל זיך איינמאהל שטארקען ניט טראכטען אונ פאר מאכען די אויגען פון זעהען וואס מען טאר ניט, וועט שוין זיין גרינג אב צו האלטען זיך פון שלעכטעס אונ טאן גוטעס, דען די תאוה ציהט דעם מענשען אזוי ווי דעם זויפער ציהט צו טרינקען דעם וויין, וואס ער טרינקט מעהר וויל ער מעהר, ווען ער זאל אבער אין מיטין אב האלטען פארלעשט איהם דער ברען פון דער תאוה צו טרינקען, אונ איז גאר צו פרידען פון דעם, די זעלבע איז אין אללע תאוות וואס מען טהוט מעהר גלוסט מען מעהר, אבער ווען מען האלט זיך איינמאל אב האלט דאס איהם אב אויף ווייטער.

# קרח

שפט) וּשְׁמְרוּ מִשְׁמַרְתְּךָ וּמִשְׁמֶרֶת כָּל הָאֹהֶל. (יח—ג)

שצ) וּשְׁמַרְתֶּם אֵת מִשְׁמֶרֶת הַקֹּדֶשׁ[1]. (שם—ה)

דיא צוויי מצות איז א) עס זאל שטייען וואך אין בית המקדש. ב) ניט פערגעסען די וואך ארדענונג פון בית המקדש.

די כהנים האבען געהיט אין דריי ערטער, אונ די לוים אין איין אונ צוואנציג ערטער אין דער עזרה.

דער בית המקדש האט ניט געדארפט קיין היטער פון פייער פון רויבער. נור עס איז א כבוד פאר דעם הויז עס זאל א וואך שטעהען, וויא ביי איין קעניגליכע הויז, ביי דיא וואך האט געברענט פלאקען פייער, אויף דעם וואך איז געוועזען איינער א אויף זעהער, ווי זאלען ניט שלאפען, ער האט זיך גערופען "איש הר הבית", זיין ארביים איז געוועזען ער האט זייא אלע שעה אנגערופען, אונ זיי האבען איהם געדארפט גריסען מיט דיא ווערטער, שלום עליך איש הר הבית, צום צייגען אז זייא שלאפען ניט. ווער עס האט איהם ניט בעגריסט האט ער זיך איבערצייגט דאס ער שלאפט, האט ער געהאט רשות איהם צו שלאגען אונ זיינע קליידער צו פארברענען.

די

1) במכילתא דריש לל"ת.

## שצא) אַךְ אֶל כְּלֵי הַקֹּדֶשׁ וְאֶל הַמִּזְבֵּחַ לֹא יִקְרָבוּ וְלֹא יָמֻתוּ גַם הֵם גַּם אַתֶּם. (שם–ג)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה איז, דיא לְוִיִּם זָאלֶען נִיט טָאן דיא אַרְבֵּייט פון דיא כֹּהֲנִים. אונ די כֹּהֲנִים זָאלֶען ניט טאן די אַרְבֵּייט פון לְוִיִּם, אויך די לְוִיִּם זָאלֶען ניט טאן אַיינֶער דֶעם צְוַויישֶׁענְס אַרְבֵּייט, צב"ש דיא לְוִיִּם וָועלְכֶע זָענֶען זינְגֶער טָארֶען ניט עֶפֶענֶען אָדֶער פארמאכֶען די טוירֶען, אָדֶער פארקֶערְט.

אויב די לְוִיִּם טוּעֶן דיא אַרְבֵּייט פון די כֹּהֲנִים. אָדֶער די לְוִיִּם זָאלֶען ניט היטֶען דֶעם אָרְדֶענוּנג פון זַייעֶר אַרְבֵּייט, זֶענֶען זַייא מְחוּיָב מִיתָה בִּידֵי שָׁמַיִם, (פאר שְׁפִּילֶען ער דֶעם לֶעבֶּען), אויב אַ כֹּהֵן טוהט די אַרְבֵּייט פון לֵוִי קוּמְט אִים נור מַלְקוֹת.

## שצב) וְזָר לֹא יִקְרַב אֲלֵיכֶם. (שם–ד)

די מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה איז, דֶער וָועלְכֶער איז ניט קיין כֹּהֵן טָאר ניט טָאן דיא עֲבוֹדָה, אויב ער טוהט, איז ער אויף אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת חַיָּיב מִיתָה בִּידֵי שָׁמַיִם, אונ אויף אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת קוּמְט נור מַלְקוֹת, וויא עֶס איז עֶרְקְלֶערְט אין רמב"ם.

## שצג) אַךְ פָּדֹה תִפְדֶּה אֵת בְּכוֹר הָאָדָם. (שם–טו)

די מִצְוַת עֲשֵׂה איז, וָועלְכֶער ער איז ביי די מוּטֶער גֶעבָּארֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער, דארף דֶער פָאטֶער אויסְלֵייזֶען פון כֹּהֵן מיט פִינֶעף טָאלֶער אָדֶער מיט אַ ווירְדֶע פון פינף טָאלֶער.

פון וויא פיעל פְרוֹיֶען מֶען הָאט דארף מֶען אַלץ אויסְלֵייזֶען, דֶעם עֶרְשְׁט געבּארֶענֶעם זָכָר. דיא מִצְוָה הַייסְט פִּדְיוֹן הַבֵּן.

דיא צַייט פון פִּדְיוֹן הַבֵּן איז, דֶער אַיינְאוּנְדְרַייסִיגְסְטֶער טָאג פון זַיין גֶעבּארֶען.

וָוען דֶער קינְד הָאט קיין פָאטֶער, אָדֶער צו פָאלִיג איז ער געבְּלִיבֶּען ניט אויסְגֶעלֵייזְט, איז, וֶוען ער וֶוערְט גְרוֹיס זאל ער זִיךְ זֶעלְבְּסְט אויסלֵייזֶען ביי אַ כֹּהֵן.

אַז דֶער פָאטֶער איז אין וֶועג לֵייזְט ער דֶעם קינְד דָארְט וואו ער איז.

אַ כֹּהֵן, אַ לֵוִי, אַ בַּת כֹּהֵן, אַ בַּת לֵוִי, דארף מֶען אויף זַייעֶרֶע קינְדֶער ניט מאכֶען קיין פִּדְיוֹן הַבֵּן.

אין יוֹרֶה דֵעָה איז עֶרְקְלֶערְט וויא פיעל מֶען דארף גֶעבֶּען נָאךְ הַיינְטִיגֶע גֶעלְד, אַלָּא טָעטֶען הַשִׁי"ת איז מְקַנֵּא מיט דיא מִצְוָה זָאל ער פְרֶעגֶען פיל צו גֶעבֶּען.

ביי פדיון הבן מאכט מען א סעודה.

דיא מצוה פדיון הבן טרעפט נור איינמאהל אין לעבען, אונ ניט אללע זענען זוכה מקיים צו זיין די מצוה, דארף געווים יעדער יוד מיט גרוים פער־גניגען צאהלין דיא פינעף טאלער, ליידער אבער זאלעוועט מען צו צאהלען אונ מען זוכט שווינדעל צו מאכען מיט דעם כהן, אונ וויל ניט מקיים זיין די מצוה וויא גייטיג, אויף דעם איז געזאגט דער פסוק (כי ינעת בי ישראל) דאס הייסט, דוא יוד װערסט פארמידעט פון מיר, פון מיינע מצות וועלכע איך בעלעסטיג אויף דיר, די גאנצע געלד אונ צייט גיסט דו אב פאר קינדער אונ פאר א קינד אוים געבען צו היטען מיין באפעהל ווילסט ניט, אפילו ביי דיא זעלבע מצוה װעלכעסט זאלעוועט מען ניט צו מאכען א סעודה ווי גייטיג מיט אלע שטאטען, אונ די פינעף טאלער דעם כהן וויל מען פערקארגען, עס איז גלייכער קיין סעודה ניט צו מאכען אונ דעם כהן די פינעף טאלער אב געבען, מקיים צו זיין די מצוה ווי גייטיג.

דער גאנצער צו גאנג מיט די דינים פון פדיון הבן איז געדרוקט אין די סידורים.

## שצד) אך בכור שור וגו׳ לא תפדה. (שם—יז)

די מצות לא תעשה איז, ניט צו לייזן פון כהן קיין בכור פון מין בהמה, נור צום כהן אב געבען ווי עס איז ערקלערט אין פ׳ בא.

## שצה) ועבד הלוי הוא את עבודת אהל מועד. (שם—כג)

די מצות עשה איז, די לוים זאלען טאן זייער ארבייט אין בית המקדש. זיי דארפען זיין אימטער לייריג זייא זאלען זיין אנגעברייט צום ארבייט, אויב זיי ווילען יא אדער ניט.

איבערהויבט בעשטעהט זייער ארבייט, היטען דיא טאך אונ עפענען אונ פערמאכען די טויערן, זינגען אונ שפילען ביי די קרבנות.

## שצו) כי את מעשר בני ישראל וגו׳ נתתי ללוים. (שם—כד)

די מצות עשה איז, נאך דעם אב שיידען פון דיא תבואה אונ פרוכטען תרומה פאר דעם כהן זאל מען איין צעהנטיל אב שיידען פון דיא געבליבענע אונ געבען צום לוי.

כהנים אונ לוים זיינען אויך מחויב אב צו שיידען תרומה אונ מעשר אוני מארין ניט עסען, בעפאר זיי שיידען אב.

די כהנים מאגען עסען זייערע אב שיידונג תרומה אונ מעשר.

די לוים מאגען עסען זייערע איינענע מעשר, אבער די תרומה מוזען זיי אב געבען צום כהן.

דארום האט דיא תורה אב געגעבען מעשר צו די לוים, ווייל זיי זענען אב געזונדערט אין גאטעס דינסט, זיי מוזען זיין אימער אן געברייט צו דער ארבייט פון בית המקדש, מוזען מיר זיי אויסהאלטען מיט חיות בכבוד, זייא זאלען האבען גענוג פון די ערד וואס גאט האט אונז געגעבען בכדי זיי זאלען זיך ניט בעדארפען בעשעפטיגען מיט אנדערע געשעפטען.

## שצז) וַהֲרֵמֹתֶם מִמֶּנּוּ תְּרוּמַת ה׳ מַעֲשֵׂר מִן הַמַּעֲשֵׂר. (שם—כו)

די מצות עשה איז, דער לוי זאל פון די וואס מען גיט איהם אב שיידען מעשר א צעהנטיל אונ געבען צום כהן.

אזוי ווי דיא לוים האט גאט אויסגעוויילט פון אללע שבטים, אזוי זענען אין שבט לוי העבער די כהנים, דען דיא גאנצע עבודה היינגט נור אן דיא כהנים, אונ די לוים זענען נור מיט העלפער, דארפען די לוים אויך שטיצען די כהנים אונ וויסען דאס די כהנים שטייען העבער פון זיי.

---

# חוקת

## שצח) וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה. (יט—ב)

די מצות עשה איז, צו טאן דעם ארדענונג פון די פרה אדומה.
די פרה אדומה דארף זיין אלט ניט ווייניגער ווי דריי יאהר.
זי מוז זיין דורך אוים רויט, צוויא שווארצע, אדער צוויא ווייסע האר פסל׳ת אין איהר.

אויב מען האט מיט איהר נור עפעס איין ארבייט געטאן, איז זיא פסול צום טאר אין איהר ניט זיין קיין פעהלער.

דיא קוא ווערט פארברענט דורך א כהן, דיא אש זאל זיין אן געברייט צו שפריינגען דער מיט, אויף וועלכעם עס איז טמא געווארען אן א מת.

זיבען טעג פאר דעם פארברענען האט דער כהן געמוזט זיין אבגעזאנדערט פון זיין הויז, דיא גאנצע זיבען טעג האט מען אויף איהם געשפריינגט אלע טאג פון די אש פון די פאריגע פרה אדומה.

דער צו גאנג פון פאר ברענגען די פרה אדומה איז אזוי, מען האט איהר פאר ברענט אויף דעם „הר המשחה" איילבארג, וואס איז אין מזרח פון ירושלים, מען איז געגאנגען פון הר הבית צום הר המשחה, די עלמסטע פון ירושלים גייען פאראוים, עס איז געווען צו גערינגט צו גיין איבער א גאלעריא געצויגען פון בית המקדש ביז צום איילבארג, וואס אויסער די שטאט, דארט אויף דעם בארג
ווערט

ווערט אויף געלייגט האלץ, און מען לייגט ארויף די קוא א געבונדענע אויף דיא האלץ, און דער כהן שעכט איהר, און שפריינגט די בלוט געגען דיא טיער פון בית המקדש, ווייל דער איילבארג איז געווען פונקט געגען דעם „הר הבית״ דער בארג וואס דער בית המקדש איז אויף איהם געשטאנען האט מען געקאנט קוקען דארט אויף דעם טיער פון בית המקדש ווען אויך עס איז געווען ווייט, נאכהער הייצט מען אונטער דיא האלץ, בעת זיא ברענט און עס פלאצט איהר דיא בויך, נעמט דער כהן א שטיקעל טענענהאלץ מיט דריי רויטלעך אזוב, און בינד ארום מיט א קנאיל וואל געפארבט רויט אוןווארפט דארט אריין.

פון משה רבינו ביז חורבן בית שני איז געמאכט געווען נייען פרה אדומה׳ס דאס דאס עקזעסטירט ביז בויען דעם בית שני.

דער מדרש 1) בריינגט, איינמאל זענען דיא חכמים געקומען קויפען א פרה אדומה ביי א אינו יהודי האט ער זיי געהייסען קומען אויף מארגען, זאגט ער צו זאין זייגעם, וועסט זעהען וואס איך וועל דא ווייזען דיא חכמים, ווי פאר נארים זיא זענען אין זייער אמונה, אבערגלויבערם, דער דין איז אויב עס איז געטאן געווארען מיט די פרה אדומה א מלאכה איז זי פסול, איך וועל דער ווייליע טאהן א ארבייט, און זיי וועלען גאר נים וויסען, אויף מארגען זענען די חכמים געקומען, און האבען אב געקויפט פאר א סך געלד, ביי דעם געבען דאס געלד זאגען דיא חכמים מיר דארפען איהר בעקוקען אויב דוא האסט מיט איהר קיין ארבייט נים געטאהן, ער פיהרט ארוים די קוא, האבען דיא חכמים באלד דער קאנט אז ער האט מיט איהר א מלאכה געטאהן, זייא האבען געזאגט א סימן, אויף דעם קארג איז דא צוויא האר אויב זיא טאט נים קיין ארבייט שטייען זיי שטענדיג, מוט זיא יא א ארבייט ליגען זיך די צוויי האר א נידער, פון פער־דרוס האט ער זיך געהאנגען.

שלמה המלך האט נאך געפארשט די טעמים פון די מצות ער איז אבער געקומען צו דיא מצוה פון פרה אדומה, האט ער נים דערקלערט, דען גאט האט געזאגט צו משה׳ן דיר זאג איך דעם טעם, אבער ביי די וועלט בלייבט עס א חק.

## שצט) אדם כי ימות באהל. (יט—יד)

די מצות עשה איז, דאס א טויטער איז טמא און מטמא אנדערע, מענשען און כלים, אויב זיי רירען זיך אן איהם אן, אדער זיי זענען מיט איהם אין איין הויז געוועזען.

עס איז ביי דעם פיעל דינים אין ש״ס ערקלערט.

## ת) והזה הטהור על הטמא ביום השלישי וביום השביעי. (שם—יט)

די מצות עשה איז, ווער אדער וואס עס איז טמא געווארען דורך א מת,

---

1) פסיקתא זוטרתי.

זאל ער געשפריינגט ווערען מיט דיא וואסער פון דיא אש פון דיא פרה אדומה, דעם דריטען אונ דעם זיבעטין טאג פון טמא ווערען.

דער צו גאנג איז אזוי, מען נעמט קוואל וואסער אין א כלי, אונ מען בעשיט פון אויבען מיט אש, אונ דער מיט ווערט געשפריינגט, ער טונקט איין דריי ריטלעך אזוב פערבונדען אין איין בונד, אונ טונקט איין אין די וואסער מיט דיא אש אונ שפריינגט אויף דעם טמא, אונ ער ווערט ריין, דער וואס טראגט די צו געריכטע וואסער פון די פרה אדומה ווערט טמא, ער אונ זיינע קליידער, דער וואס רירט זיך אן אפילו אן די וואסער ווערט אויך טמא אבער די קליידער ווערען ניט טמא.

# פינחס

## תא) איש כי ימות ובן אין לו והעברתם את נחלתו לבתו. (כז—ח)

דיא מצות עשה איז, דאס דער פארמאגען וועלכע בלייבט איבער פון מענשען נאך זיין לעבען זאל עס גיהערען צו די יורשים ווער עס איז גענענטער צום מת דער איז דער יורש.

א זאהן איז פריער צו ירשענען פאר א טאכטער, אויב דער זאהן שטארבט פאר דעם פאטערס לעבען, איז זיינע קינדער אונ קינדס קינדער ביז ווייטער אראב זכרים צו נקבות פריער פאר די טאכטער.

דיא טאכטער אונ איהרע קינדער אונ קינדס קינדער אונ ווייטער אראב גענען פריער צו ירשענען פאר דעם פאטער פון טויטען.

ווער עס שטארבט אהן קינדער ירשנ'ת איהם דער פאטער, אויב ער האט ניט קיין פאטער ירשנ'ת איהם דער ברודער, אויב קיין ברודער איז ניט דא ירשנ'ת איהם די שוועסטער.

דער מאן ירשנ'ת די פרוי 1).

א בכור דאס איז דער עלטערער זון דער ערשטער געבארענער ביים דעם פאטער נעמט ער צוויי חלקים, דאס הייסט ער נעמט מיט איין טהייל מעהר פון אלע ברידער, ער נעמט ווי צוויי ברידער.

אין דער מצוה איז דא פיעל חילוקי דינים אין חשן משפט.

מען טאר ניט מעביר נחלה זיין אפילו פון א שלעכטען זון צו א גוטען, זאגט דיא גמרא דעם טעם, ווייל פיעלייכט וועט נאך פון שלעכטען זון ארויס קומען

1) מר"ם.

קומען א גוטער דור, זעהען מיר פון דעם ארוים, דאס יעדער יוד דארף זארגען דאס זיין פערמאג וועלכע ער לאזט איבער זאל אין יודישע הענד פערבלייבען, אבער ביי יעצטיגע צייט, אז מען לאזט איבער דיא גוטעם פאר פרייע קינדער וואס מען איז זיכער אז דיא געלד וועט אוועק אויף תוהו ובוהו, און עס איז גאנץ שווער צוא גלויבען דאס דיא געלד זאל ערוואַרטען אויף א גוטען דור, ווען אז דיא ערציהונג איז נור אין בילדונג און פרייהיים. און צוא דער תורה גאר נים.

אזוי א פאטער דארף געפינען א עצה, אלזא געפינען מיר פאר נייטיג צו שרייבען איינינע ווערטער פון מחבר ספר חפץ חיים, אין זיין ספר „שם עולם" וועלכע ער איז געמאכט נור צו דעם תכליה, פאר דיא וועלכע שטארבען אהן קינדער, אדער די וואס האבען קינדער, וועלכע זענען ערגער ווי נים געהאט קיין קינדער. ער זאגט אזוי: ביי די יעצטיגע וועלט איז דא מענשען וועלכע האבען קינדער, און זיי איז נאך ערגער פאר די וואס האבען גאר נים, צב"ש די קינדער וואס זענען פאר רייזט אין דיא נייטע מדינות, און דארט איז ביי זייא הפקר תורה און מצות, אדער בייא יעצטיגע צייט איז שאהן בעוה"ר דא אויך מצוי דיא זעלבע, אזויא א פאטער איז איהם נאך ערגער פאר דעם וואס האט גאר קיין קינדער 1), ווי דיא גמרא זאגט פארפלוכט איז דער וואס האט אויס געהאדעוועט אזעלכע קינדער, איז די עצה ער זאל גאר פארגעסען אהן אזעלכע קינדער, לא די וואס זייא טעלען איהם נים אב קילען דעם גיהנם מאכען זייא איהם נאך גרעסער דעם פייער, דארום דארף ער זיך זעהען צוא שטארקען מחזיק זיין ישיבות און תלמוד תורה'ס, אט דיא קינדער הייסען זיינע קינדער וואס קאנען איהם מזכה זיין, ווי פיעל האבען אזוי געטאהן, און דער זכות שטעהט פאר זיי אויף עוויג.

ווען ער זעהט דאס די קינדער זענען שוין אוועק אין די שלעכטע וועג, דא האקט זיך אב זיין דור, זאל ער שטיצען דיא קינדער וועלכע האלטען זיך נאך ביי יודישקייט, אויב ער האט א מאכטער חתונה צו מאכען זאל ער אנזאגען צוא נעמען א מאן א למדן פאר איהר וועלען איהרע קינדער אויך זיין לומדים, און פאר די טעכטער וועלען זיי נעמען איידים'ס לומדים, וועלען דיא קינדער זיין געדעכענט ווי אייגענע קינדער.

אויך זאגט דער מחבר, אויב א מענש וויל זיך מזכה זיין אויף עוויג איז נור די עצה מחזיק זיין די תורה, דער זכות בלייבט אויף עוויג, אלע זאכען וואס מען טוהט איז נור אויף דער צייט, און דיא תורה איז א נצחי איז דער זכות א אייביגער.

---

8) רגי עקרה לא ילדה, דלא ילדה בנין לגיהנם, ברכות.

תב) אֶת הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וגו׳. (כח—ג)
תג) וּבְיוֹם הַשַּׁבָּת שְׁנֵי כְבָשִׂים וגו׳. תד) וּבְרָאשֵׁי
חָדְשֵׁיכֶם תַּקְרִיבוּ עֹלָה וגו׳. תה) וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים
וגו׳, שְׁנֵי פָרִים וְאַיִל אֶחָד וְשִׁבְעָה כְבָשִׂים.
(כולן עולות ושעיר אחד לחטאת). (שם—ט—יא—כו)

די פיער מצות עשה׳ס איז, א) מקריב צו זיין אלע טאג צוויי שאף איינעם אין דער פריה איינעם פאר נאכט, דאס רופט זיך קרבן תמיד.

ב) מקריב צו זיין א קרבן מוסף אלע שבת.

ג) מקריב צו זיין אלע ראש חודש א קרבן מוסף.

ד) מקריב צו זיין א קרבן מוסף דעם יום טוב שבועות.

דער קרבן מוסף פון שבת איז געווען צוויי שאף עולות.

דער קרבן ר״ח איז געווען צוויי פרים און איין באראן און זיבען שאף, און איין ציגען באק צום חטאת.

דער קרבן שבועות איז געווען צוויי פרים מיט איין באראן מיט זיבען שאף און איין ציגען באק צום חטאת.

צו די מוספים האט מען נאך מקריב געווען מנחות און נסכים ווי עס איז מפורש אין דער תורה.

די אלע קרבנות מוסף האט מען מקריב געווען נאך דעם קרבן תמיד של שחר וואס מען האט מקריב געווען אלע טאג.

## תו) יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם. (כט—א)

די מצות עשה איז, צו בלאזען שופר אום ראש השנה.

יעדער יוד איז מחויב צו הערין בלאזען שופר.

די פרטי דינים ווי דער שופר דארף זיין, און די דינים ווי צו בלאזען איז אין שלחן ערוך אורח חיים ערקלערט.

עס איז א חוב אויף יעדער בעל תוקע קלאהר צו זיין גוט אין די דינים פון תקיעות.

דער בעל תוקע דארף טראכטען מוציא צוא זיין. און דער עולם דארף האבען א כונה יוצא צו זיין.

ביים הערין די תקיעות ווען דער בעל תוקע מאכט דיא ברכות זאל מען נים ענטפערין ב״ה וב״ש ווייל דאס הייסט א הפסק.

די יהי רצון׳ס וואס איז געדרוקט אין דיא מחזורים צווישען דיא תקיעות איז פיעל גלייכער גיט צו זאגען דען דאס הייסט אויך א הפסק.

דער רמב״ם זאגט ווען אויך דיא תורה הייסט בלאזען שופר דארפען מיר
דאך

זאך נאר ניט נאך זוכען קיין טעם, נור א רמז אין זעם איז דא, דער שופר איז טודיע, שטעהט אויף מענשען וועלכע איהר זייט איינגעשלאפען, טאכט זיך אויף פון אייער דרימלען, זוכט נאך אייערע מעשים טוהט תשובה, דער מאהנט זיך אן בורא, איהר מענשען וועלכע איהר פארגעסט דעם אמת, דורך די הבלי הזמן, איהר פארברענגט דיא יאהרען אין הבל וריק, בעטראכט נור וועגען אייערע נפשות פארבעסערט אייער וועג, זאל זיך יעדער צוריק קערין פון זיין שלעכטע וועג און פון זיין שלעכטען געדאנק.

אויף דעם בעדייט דיא תקיעות, דער שופר קרעכצט און קלאגט, אזוי וויא דער מענש האך קרעכצין, אזוי וויא דער טאג איז דער יום הדין פון געזונד און לעבען פון דעם מענשען מיט זיין גאנצע הויז פאמיליע און זיין גאנצער פארמאג, אויך פרנסה פון גאנצען יאהר, און עס ווערט דאך געמשפט נאך די מעשים נאך.

דיא גמרא זאגט דריי ביכער ווערט געעפענט צום יום הדין פון צדיקים גמורים, פון רשעים גמורים, פון מיטעלע מענשען, ד"ה ניט קיין צדיקים ניט קיין רשעים, דער צדיק ווערט באלד גוט אב געמשפט, דער רשע ווערט באלד שלעכט אב געמשפט, דער מיטעלער איז זיין דין אויף געהאנגען ביז יום כפור אויף דעם בעדייט וואס מען בלאזט תקיעה, איז דאס א בעוויז פון פריי פאר דיא צדיקים, שברים איז קרעכצעס, דאס איז געגען דיא מיטעלע וואס גייען ארום קרעכצענדיג ווייל זיי ווייסען זייער דין ניט, תרועה איז א קלאג דאס איז געגען די רשעים וואס דארפען קלאגען אויף זייער משפט.

# מצות

## טו) איש כי ידור נדר לה'. תח) לא יחל דברו. (מב—ג)

דיא מצוה איז, א) ווען מען טהוט זיך א נדר זאל מען קאנען פריי ווערען פון נדר דורך דריי מענשען וועלכע זיי זענען איהם מתיר.

ב) ניט צו בייטין דעם נדר אהן היתר פון א חכם אדער פון דריי מענשען וואס דאס הייסט התרת נדרים.

א פאטער זיין טאכטער וועלכע איז אונטער זיין שוטץ, און א מאן זיין פרוי דארפען ניט מתיר זיין, נור אז דער פאטער אדער דער מאן וועהרען זיי אין טאג פון הערען דעם נדר, איז דער נדר ניט קיין נדר.

אלע פרטי דינים פון טאן זיך א נדר און וויא מתיר צו זיין א נדר אדער א שבועה, איז אין יורה דעה פיעל ערקלערט.

צו זאָגען צְדָקָה אָדער נור אַ וואָהלְטָאָדיגֶע זאַך הֵייסְט עֶס אַ נֶדֶר.

ווען מען איז זיך נוֹהֵג צו טאָהן דְרַייא מאָהל הֵייסְט עֶס אַ נֶדֶר אויף אַלֶע מאָהל, אויב מען קאָן בּיי דֶעם נִיט בְּלַייבֶּען דאַרף מען זיך מַתִּיר צו זיין, סיידין עֶר זאָגְט בְּעֵת מאָהן די זאַך איך טוּא דאָס בְּלֹא נֶדֶר.

דער מֶענְשׁ וואָס טוּהט זיך אַ נֶדֶר זאָל עֶר זעהן בַּאלְד מְקַיֵים צו זיין דֶעם נֶדֶר אוּנ נִיט הַאלְטֶען בּיי זיך, די גְמָרָא זאָגְט דער מֶענְשׁ וואָס הַאלְט בּיי זיך אַ נֶדֶר אוּנ טוּהט נִיט אָב, איז זיין פִּנְקַס אָפֶען אויף יֶענֶער וועלט, עֶס שְׁטַייעֶן אִין סַכָּנָה זיין ווייב אוּנ קִינְדֶער.

מען קאָן זאָגֶען דאַפִיר ווערֶען ווייב אוּנ קִינְדֶער גֶעשְׁטְרָאפְט, ווייל דאָס מֶעהְרְסְטֶע הָאבֶּען זיי שוּלְד אִין דֶעם, אָדֶער זיי שְׁטֶערֶען אִיהם אָפְּטֶענְדְלִיךְ אָדֶער ווייל דער גֶעבְּרוֹיךְ פוּן זייערְט וועגֶען איז זעהר פִיעל, דאָס די גַאנְצֶע צייט אוּנ דיא גֶעלְד איז נור פאַר זיי, אוּנ דוּרְך זיי קאָנֶן עֶר גִיט צו קוּמֶען זיין וואָהל־טָהאָט אוּם צו פִירֶען.

מען דאַרף זיך היטֶען נִיט צו טאָהן קֵיין נֶדֶר, פִיל בֶּעסֶער איז בַּאלְד צו בֶּעצָאהלֶען, נור אויב עֶס קוּמְט אוּיס לְמָשָׁל שַׁבָּת אָדֶער יוֹם טוֹב, צו גֶעבֶּען אַ נְדָבָה, ווי דער מִנְהָג איז, זאָל עֶר זאָגֶען בְּלֹא נֶדֶר, דאַרוּם דאַרף מען זיך הִיטֶען צו הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת זאָגֶען בַּעֲבוּר שֶׁאֶתֵּן בְּלֹא נֶדֶר לִצְדָקָה.

די וואָס זֶענֶען זיך מִתְנַדֵב צו צאָהלֶען יֶעהְרְלִיכֶע גֶעלְד אַלֶע וואָך, צב"ש חֲבֵרוֹת אִין שְׁטָאט, אָדֶער יֶעהְרְלִיךְ אויף יְשִׁיבוֹת צו צאָהלֶען, הֵייסְט עֶס אַ נֶדֶר אוּנ מען טאָר נִיט אָב רַייסֶען.

די לייטֶע וועלְכֶע זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צו אֵיין זאַך וועלְכֶע דאָס שאָדֶעט צו יוּדִישְׁקַייט אָדער צו מֶענְשְׁקַייט אָדֶער צוּם גֶעזוּנְדְהַייט. צב"ש מֶענְשֶׁען וואָס זֶענֶען אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען צוּם טְרִינְקֶען אָדֶער צוּם רַייכֶערִין אָדֶער זיי זֶענֶען צו פִיל אֵיין גֵייעֶר אִין פְרֶעמְדֶע הַייזֶער וואָס דאָס אַלֶעס שאָדֶעט דֶעם מֶענְשֶׁען. איז זעהר גְלַייךְ צו טאָהן זיך אַ נֶדֶר אָב צו גֶעוויינֶען זיך.

אַ זאַך אֲפִילוּ וועלְכֶע עֶס איז מוּתָּר, נור די וועלְט אָדֶער די שְׁטָאט ווא מען האָט אָנְגֶענוּמֶען נִיט צו טאָהן דאָס, אָדֶער די זאַך גִיט צו נִיצְצֶען, טאָר קֵיינֶער נִיט עוֹבֵר זיין אויף דֶעם, דאָס הֵייסְט אַזוי ווי אַ נֶדֶר.

# מסעי

### תט) וְנָתְנוּ לַלְוִיִּם מִנַּחֲלַת אֲחֻזָּתָם עָרִים לָשָׁבֶת. (לה–ב)

דיא מצות עשה איז, צו געבען דיא לוים שטעדט צו וואוינען אין ארץ ישראל.

זיי האבען געהאט אכט און פערציג שטעדט, אין דעם איז געווען זעקס שטעדט אויף ערי מקלט וואו עס זאל דארט אנטלויפען דער וועלכער ער האט געטויט א מענשען אום גערעכט.

צו יעדער שטאט האט מען זיי געגעבען ליידיגע פלאץ, אויך פלאץ אויף פעלדער טייגערטנער, און אלעם זייערע נויטווענדיגקייט.

### תי) וְלֹא יָמוּת הָרֹצֵחַ עַד עָמְדוֹ לִפְנֵי הָעֵדָה לַמִּשְׁפָּט. (לה–יב)

די מצות לא תעשה איז, ניט צו טויטען קיין רוצח ביז ער שטייט צום משפט, אפילו בעת די עדות זעהען אז ער האט געטאהן די זאך דאך טארען זיי איהם ניט טויטען אהן בית דין. ווער עס טוט אהן בית דין ווערט מיתה בעשטראפט.

ווער עס איז אפילו אב געפסקינט פון בית דין איהם צו טויטען טאר מען איהם אויך ניט טויטען אהן בית דין.

### תיא) וְהֵשִׁיבוּ אֹתוֹ הָעֵדָה אֶל עִיר מִקְלָטוֹ. (שם–כה)

די מצות עשה איז, דער וועלכער עס האט געטויט א מענשען אום גערין דארף בית דין בעזארגען ער זאל אין ערי מקלט אוועק גיין, כדי דיא קרובים פון טויטען זאלען ניט געמען קיין נקמה פון איהם, ער דארף דארטען זיין ביז דער כהן גדול שטארבט.

דארום קאן מען זאגען דארף דער רוצח זיצען ביז דער כהן גדול שטארבט, ווייל דער כהן גדול איז דער גרעסטער ביי יודען, און די מיתה פון צדיק איז דאך מכפר, איז זיין חטא גרינגער געווארען. אויך קאן מען זאגען, אזוי וויא א מלכות אז ער שטארבט ווערט דאך באלד איין אנדערער די זעלבע מינוט 1) און דער נייער מלכות אלעם מאניפעסט בעפרייט ער דיא גרינגע פארברעכער, די זעלבע ווען דער כהן גדול שטארבט מאכט מען דאך באלד איין אנדער כהן גדול, ווערט דער אונשולדיגער רוצח בעפרייט.

---

1) אין מלכות נוגעת בחברתה כמלא נימא.

ווי עס האט נור געשעהען דאס מען האט געטויט א מענשען האט מען באלד דעם רוצח פארשיקט אין עיר מקלט, נאכהער האבען בית דין פון דער שטאדט געלאזט ברייננגען דעם רוצח, אויב עס ווייזט זיך ארויס דאס ער איז שולדיג, האט מען איהם געטויט, אויב ער איז גאר ריין פון דער זאך איז ער בעפרייט, ווען די זאך איז יא געשאהן געווארען, אבער אומגערן, ווערט ער אין עיר מקלט צוריק געשיקט.

מען נימט איהם מיט צוויי תלמידי חכמים זיי זאלען איהם היטען אין וועג פון א פריינד פון טויטען.

דער פארטרייבען אין עיר מקלט, איז א גרויסער תועלת, ערשטינס ווען איך ער האט דאס געטאהן אום גערן, דאך אז עס האט איהם אזעלכעס געטראפען, האט ער פארדינט ער זאל פארטריבען ווערען פון זיין הויזגעזינד און פאמיליע, צווייטענס זאל דיא פאמיליע פון טויטען איהם ניט אן זעהן אין דיא אויגען, נאכדעהר פיעלייכט וועלען זיי פון איהם ראכע נעמען.

דארום איז דער עיר מקלט ביים שבט לוי, ער זאל אונטער זייער שוטץ, זיין מערהיט פון דער משפחה. דען דער שבט לוי זענען די פארשטעהער איבער אלע שבטים אויף צו היטען די ריכטיגקייט דעם ארדענונג פון דער תורה.

פרויען ווערען אויך פארטריבען אין עיר מקלט, אויב זייא הרג'נען א מענשען אומגערען.

## תיב) ועד אחד לא יענה בנפש למות. (לח—)

די מצות לא תעשה איז, דער עדות וואס זאגט עדות אין דיני נפשות, זאל זיך ניט אריין מישען ביים בית דין לערנען פאר דעם פארברעכער א חוב אדער אפילו א זכות.

## תיג) ולא תקחו כופר לנפש רוצח. תיד) ולא תקחו כופר לנוס אל עיר מקלטו לשוב לשבת בארץ. (שם—לא.לב)

די צוויי לא תעשה'ס איז, א) ניט צו נעמען קיין אב צאהלונג פון רוצח צו פטר'ן איהם פון מיתה. ב) ניט צו נעמען קיין אב צאהלונג פון רוצח אום ווערען צו פטר'ן איהם פון עיר מקלט.

דיא אלע מצות איז נוהג ווען עס איז דא סנהדרין און מען איז דן דיני נפשות.